# Шехехийону: возвращение идиша в Израиль



*Материалы к пленарной лекции Рут Вайс*

Авраам Суцкевер

# Шехехийону (1947)

## שהחיינו

ווען כ׳וואָלט ניט זײַן מיט דיר בײַנאַנד,
ניט אָטעמען דאָס גליק און ווײ דאָ, —
ווען כ׳וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
וווּלקאַניש לאַנד אין חבֿלי־לידה;
ווען כ׳וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
ווּ יעדער שטיינדל איז מײַן זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מײַן גומען.
ביז אויסגעגאַנגען כ׳וואָלט פֿאַרגוי׳ט,
און בלויז מײַן בענקשאַפֿט וואָלט געקומען... 1947

ven kh’volt nit zayn dir baynand
nit otemen dos glik un vey do,
ven kh’volt nit brenen mitn land,
vulkanish land in khevley-leyde;
ven kh’volt atsind, nokh mayn akeyde,
nit mitgeboyrn mitn land,
vu yeder shteyndl iz mayn zeyde-
gezetikt volt mikh nit dos broyt,
dos vaser nit geshtilt mayn gumen.
biz oysgegangen kh’volt fargoyt
un bloyz mayn benkshaft volt gekumen.

Were I not at once with you
Not breathing the joy and pain here,
Were I not burning with the land
Volcanic land in its birth-pangs;
After my sacrifice there
Were I not reborn with the land
Where every pebble is my grandfather –
Bread would not still my hunger
Water would not sooth my gums.
I would turn gentile and I expired
And only my longing would have come.

*Translated by Justin D. Cammy*

Если бы я не был с тобой рядом,
Не дышал бы здесь счастьем и болью,
Если бы я не горел вместе с этой землей,
Землей-вулканом – в родильной горячке,
Если бы я сейчас, уже после жертвоприношения,
Не родился бы заново вместе с этой землей,
Где каждый камешек – мой дед –
Меня не насыщал бы хлеб,
Вода не смягчала бы моего неба.
Я бы умер, превратившись в гоя, -
И только моя тоска вернулась бы…

*Подстрочный перевод Александры Полян*

## «Кто останется, что останется?» (1974)

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן ? בלײַבן וועט אַ ווינט,
בלײַבן וועט די בלינדקייט פֿונעם בלינדן וואָס פֿאַרשווינדט.
בלײַבן וועט אַ סימן פֿונעם ים : אַ שנירל שוים,
בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פֿאַרטשעפּעט אויף אַ בוים.

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן ? בלײַבן וועט אַ טראַף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פֿידלרויז לכּבֿוד זיך אַליין,
זיבן גראָזן פֿון די גראָזן וועלן זי פֿאַרשטיין.

מער פֿון אַלע שטערן אַזש פֿון צפֿון ביז אַהער,
בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פֿאַלט אין סאַמע טרער.
שטענדיק וועט אַ טראָפּן ווײַן אויך בלײַבן אין זײַן קרוג.
ווער וועט בלײַבן ? גאָט וועט בלײַבן, איז דיר ניט גענוג ?

ver vet blaybn? vos vet blaybn? blaybn vet a vint,
blaybn vet di blindkayt funem blindn, vos farshvindt.
blaybn vet a simen funem yam: a shnirl shoym,
blaybn vet a volkndl fartshepet oyf a boym.

ver vet blaybn? vos vet blaybn? blaybn vet a traf,
breyshesdik aroystsugrozn vider zayn bashaf.
blaybn vet a fidlroyz lekoved zikh aleyn,
zibn grozn fun di grozn veln zi farshteyn.

mer fun ale shtern azh fun tsofn biz aher,
blaybn vet der shtern, vos er falt in same trer.
shtendik vet a tropn vayn oykh blaybn in zayn krug.
ver vet blaybn, got vet blaybn, iz dir nit genug?

Who will remain? What will remain? There will remain a wind.
There will remain the blindness of the disappearing blind.
There will remain a single thread of foam: sign of the sea
There will remain a little hank of cloud caught on a tree.

Who will remain? What will remain? A word's chance will remain
Prime mover cultivating grass of Genesis again.
There will remain, in honor of itself alone, a rose
Understood by seven blades of all the grass that grows.

More than all the stars in the expanse from north to here
There will remain the star that's fallen in a simple tear.
A drop of wine will always be there in the pitcher too.
Who will remain? God will remain. Is that enough for you?

*Translated by A.Z. Foreman*

Кто останется, что останется? Останется ветер,
Останется слепота слепого, которая исчезает.
Останется морской знак – ниточка пены,
Останется облачко, зацепившееся за дерево.

Кто останется, что останется? Останется слог,
Чтобы, как в Бытии, снова произрастить свое творение.
Останется скрипичная роза – ради самой себя,
Семь трав из всех трав поймут ее.

Дольше, чем все множество звезд – с самого севера – и досюда, -
Останется та звезда, что падает слезой.
Навсегда останется и капля вина в кувшине.
Кто останется? Бог останется. Разве тебе мало?

*Подстрочный перевод Александры Полян*

# Воспоминание о Пастернаке (1976)

דערמאָנונג וועגן פּאַסטערנאַק: די ערד פון זײַן טשופּרינע —
אין פרישן מאָסקווער שניי. אַרום דעם האַלדז אַ רויטער שאַליק.
אַזוי ווי פּושקין וואָלט אַרײַן... עס האָט אים וואָס געפאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

זײַן האַנט אין מײַנער, ווי ער וואָלט אַ פינגערדיקן שליסל
פאַרטרויט מיר. און זײַן פּנים, קעגן איבער: אי דערשראָקן
אי מאַכטיק: לייענט ווײַטער, איך פאַרשטיי די ווערטער, קלאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

איך האָב געלייענט מײַן געראַטעוועטן זשאַר פון גיהנום:
„אַ רגע איז געפאַלן ווי אַ שטערן" — אַלע ווערטער
פאַרשטאַנען, חוץ „אַ רגע". ניט געקענט צו איר דערלאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

אין זײַנע פײַכט-געשליפענע שוואַרץ-מירמלנע שוואַרצאַפּלען
האָט אָפּגעשטערנט יענע רגע. און זי האָט אַ רגע
דעם רוסישן פּאָעט מיט געלער לאַטע אויך באַהאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

Dermonung vegn Pasternak: di erd fun zayn chuprine –
In frishn moskver shney. Arum dem haldz a royter shalik.
Azoy vi Pushkin volt arayn… Es hot im vos gefangen.
Der shney iz nit tsegangen.

Zayn hant in mayner, vi er volt a fingerdikn shlisl
Fartroyt mir. Un zayn ponem, kegn iber: i dershrokn,
I makhtik: leyent vayter, ikh farshtey di verter, klangen.
Der shney iz nit tsegangen.

Ikh hob geleyent mayn geratevetn zhar fun genem:
“A rege iz gefaln vi a shtern” – ale verter
Farshtanen, khuts “a rege”. Nit gekent tsu ir derlangen.
Der shney iz nit tsegangen.

In zayne faykht-geshlifene shvarts-mirmlne shvartsaplen
Hot opgeshternt yene rege. Un zi hot a rege
Dem rusishn poet mit geler late oykh bahangen.
Der shney iz nit tsegangen.

Воспоминание о Пастернаке: земляная чернота его чуприны –
На фоне свежего московского снега. На шее – красный шарф.
Как будто Пушкин вошел… Что-то его привлекло…
Снег не растаял.

Его рука в моей – как будто бы он палечный ключ
Доверил мне. И его лицо напротив: и испуганное,
И властное: он читает дальше, я понимаю слова и звуки.
Снег не растаял.

Я читал свой спасенный адский жар:
«Мгновение упало, как звезда», – все слова
Понятны, кроме "мгновения". Я не мог его ухватить.
Снег не растаял.

В его влажных, мраморно-черных зрачках
То мгновение отразилось, как звезда. И на мгновение
Оно повисло на том русском поэте (с) желтой меткой.
Снег не растаял.

*Подстрочный перевод Александры Полян*